לייב קוויטקאָ



# אין טראקטאר-צעך

ב.פ.

ליטעראטור און קונסט

123

ДВ
ØУ

ל. קוויטקאָ

# אין טראַקטער-צעך

„ליטעראַטור און קונסט"
1931 כאַרקאָוו

1

איכ האב מיכ פאַרשריבנ אינ בוכ פונ זאַוואָד
אונטער א הויכנ נומער.
אַנ אומבײַט א נײַער טראָגט מיכ ארײַנ;
דורכ פאָרטקעס אונ טויערס,
געבײַענ פאַרבײַ.

טײלנ מעטאַלנ — געשטאַפּלט אַרומ,—
כ׳גײ צווישנ זײ, ווי צווישנ טראַנשײענ: —
געפינ דאָרט מײַנ צעכ,
אונ מײַנ נומער באקומ.

בינ מיט מעטאַלנ געווענ פונדערווײַטנס.
איצט, בא דער ערשטער באקאנטשאַפט,—
אלע אײנ פּאָנימ:
שײד איכ ניט אונטער:
ווער איז דאָ אײַזנס
אונ ווער דאָ טשוהונ.



Бібліографічний опис цього видання вміщено в „Літописі Укр. Друку", „Картковому репертуарі" та інших покажчиках Української Книжкової Палати

Перша книжкова фабрика ім. Г.І. Петровського Харків ДВОУ УПП

Укрголовліт № 3583 23/VI 1930
Зам. № 4059 Тираж 3 000.

אזויווי נאך איידער מײַן ארבעט,
דער הארבער, אין האַמבורגער האַפן —
פארבאָדן אין שטורעמס,
אין שטרײַקן,
צווישן די שיפ־לײַט פון אַלערליי הויטן
און ערדישע ברייטן —
איידער מײַן ארבעט,
איז שווער מיר געווען
אונטערצושיידן
פון א יאַפּאָנער ביז א כינעזער. —

איצט זע איך באַזונדערע כיינען און צילן
אין יעדן באזונדערן פּאָנים:
אין אײַזנס,
אין שטאָל,
אין טשוהונען.



## 2

— איין קראַפט שטויסט ארויס די צווייטע, —
באלערנט מיך דער מײַסטער,
און פירט מיך ארײַן
אין דער כאָכמע פון שניצערס.
— איין קראַפט שטויסט ארויס די צווייטע. —
געלאָזט כ׳האב דערווײַל
פון יענער זײַט שוועל פון זאַוואָד
די דיכטונג, —
מײַן שטענדיקן באַגלייטער.

## 3

כ'בין זייער איידל מיט דער ברומיקער מאַשין;
כ'קען נאָך ניט אירע געוווינשאפטן;
סע שרעקט מיך איר כאַראַקטער.
דאָ האט זי געפּערלעכע שטאָלענע פּיסקעס
און איינעם א מעכטיקן לעדערנעם פליגל,
וואס פאָכעט מעשוגענערווייַז ארום.

שטעל איך אפּ דיבינקער סטרוזשקע דעם שניצער;
דערזעט עס דער מייַסטער
און שטופּט מיך אוועק:
— „שנייַד אריַין אין דעטאַל!
אָט אזוי, זי זאָל פּרעסן, ווי סאַלאָ.
אין איר מאַמען!
זאָל די מאַשין זיך שרעקן פאר דיר!"

שיילן זיך אָפּ פון דעטאַל
הייסע רייפטן שטאָלענע „סאַלאָ".



## 4

אָנגעקוועלט האב איך פון שיינקייט:
סטרוזשקעס געקרייַזלטע שיילן זיך אָפּ פון רויען מעטאַל
און שלאָגן זיך שלאַנגיק
און ווילן ניט פאַלן
אין לאָך פון וואַרשטאַט,
אין זינקעניש טיפן.

בייזלעך האט באָיקאָ דער יונגער דערקלערט מיר:
— שיין איז עס נאָר אַפן ערשטן בליק;
טו טיפער א קוק — איז עס שעדיקערייַ.

צום בייַשפּיל נאָר, נעם די דעטאַלן:
2410,
2249,
2417 —
און פאַרן שענסטן באווייַז,
ווי מערדעריש ווערן געפּאַטערט אפּ סטרוזשקעס
די גוטע מעטאַלן,

די קאָסטבאַרע מי פונ די מאַסנ,—
נעמ דעמ דעטאַל 350:

אינ צושטאַנד אינ רויענ —
וועגט ער 255 קילאָ,
נאָכ דער באַארבעטונג קומט ער ארויס
מיט קילאָ 76,
און פונ 179 קילאָ קאָסטבאַרנ קערפּער
כראָמאָניקלנע שטאָל,—
ווערנ שלענגעלעכ-סטרוזשקעס
מיסט פונ זאַוואָד.

אזוי גייענ טויזנטער טאָנעס פאַרלוירנ:
ניקל און כראָמ,
פאַר וועלכע מיר צאָלנ די אויסלאַנדס, די סאָנימ,—
מיט כיעס פונ אונדזער פאַרהאָרעוועט בויענדיק לאַנד.
אינ דעמ זיינענ שולדיק די שטעמפּלער!
און קוועל ניט פונ סטרוזשקעס,
טרעט בעסער אריַינ אינ דער שטורעמ-בריגאַדע —
אַפ קאַמפ פאַר א שפּאָרעוודיק שטעמפּלענ דעטאַלנ.—
קוועל ניט פונ סטרוזשקעס...



5

אַלע וואָגיקע טיילנ —
דער סופּאָרט, די שניצערס,
די פּראָסטע פּאַטראָנענ —
אַנערקענענ ניט קיַינ ווייכע הענט.
זיי האבנ אַנ אנדער באַגריפ וועגנ נוצנ אונ שיינקייט
און נעמענ באַארבעטנ די אויסגערוטע הענט:
מע שנייַדט זיי, מע שאָבט זיי, מע קלעמט.
די ערשטע פּאָר טעג איז קיינ הענט ניט,
נאר שמאַרציקע ווונדנ.
און יעדער באַריר —
איז א שניט פונ א שאַרפ.

נאר ס'וועבנ פּאמעלעכ זיכ אויס
האַרטהויטיקע הענטשקעס.
סע ארבעט זיכ אויס דער זאַוואָד
די הענט, וואס ער דאַרפ.

## 6

דרײַ באנאכט.
דער זאַוואָד איז געשטעלט.
א באָכערל פירט די פארזאמלונג.
ארבעטער טרעטן ארויס:

„שעדיקער האַלטן זיך אופ בא אונדז.
פרעסן צו זעט אונדזער ברויט, אונדזער מאַרך,
און גרייטן געהיים אונדז דעם טויט.
סע שרעקט זיי דער וווּקס פון דער ארבעטער־הערשאפט.
וואס פאָדערט דער צעך? —
שטרענגע שטראָף!

„אונדזער שוויס, אונדזער בלוט, אונדזער כּיעס —
אפ בילכערע זאַכן.
מיר האבן שוין אייגענע ספּעצן.
נאָר איידער מיר האבן גענוג זיי, —
איז לאָמיר די קויכעס שפּאנען שטאַרקער.



אונדז איז באוווּסט, ווער מיר זיינען
און וווּהין אונדזער וועג איז".

איינער נאָך איינעם א וואָרט רעדט די מאַסע.
פאַר אומגעהויערן ווייטיק און צאָרן און וואָרענונג —
זוכט מען די נויטיקע ווערטער צום אויסדרוק.

און נאר אפ די יעניקע היים רעאַגירט די פארזאמלונג,
די יענע, וואס ריידן מיט קלאָרע דיבורים:
— „דערשיסן!

7

די יִינגלעכ און מײדלעכ פונ שטעטלעכ און דערפער געקומענ,
ארבעטנ אָפּ בא געבײַענ צו עטלעכע וואָכנ,
בא ארבעט בא שוואַרצער,
און צו וואַרשטאַטנ מע שטעלט זיי.
יי לערנענ כאדאשים די קונסט —
און פירנ אליינ שווינ מאשינעס.

די יוגנט פונ דערפער און שטעטלעכ, —
איבערגעקאָכטע אינ ראַשיקע קעסלענ פונ צעכנ,
טראָגנ פונ מי פונ באפרײַטער
דעמ טאַמ אפּ די בלוט-פרישע ליפּנ.
די מוסקולאַטורנ, דערצויגנ אפּ דרייסטקייט,
באוועגנ זיכ פלינק.

מיט נײַע באַגריפנ, מיט רומפולע מאָרגנס
טרעטנ ארײַנ אינעמ לעבנ דער וועלטס
באָלשעוויסטישע דוירעס.



8

אײַלנדיק וואַרפ איכ מײַנ מעשענעמ נומער,
מײַנ ארבעטסטאָג וואַרפ איכ
אינ קוואָרט אינ דער גרויסער,
וואס הענגט באמ ארײַנגאנג:
פאַרנ ווּקס פונ מײַנ לאַנד,
פאַר מײַנ זײַנ אפּ דער ערד.

און ווי צו דער ארבעט מע אײַלט זיכ,
אזוי פונ דער ארבעט פאַמעלעכנ גייט מענ.

כ׳נעמ פונ געקעסטלטנ טאָוול מײַנ נומער —
דעמ מאָרגיקנ טאָג,
און גיי זיכ א מירער אַהיימ, —
צוגרייטנ ווידער מײַנ קראַפט פאָרנ ווּקס פונ מײַנ לאַנד,
פאַרנ זײַנ אפּ דער ערד,
פאר א וועלט א געענדערטער!

9

פאַרן מייַסטער, צו וועמען מע האט מיך געשטעלט,
האב איך גרויס דערעכערעץ —
ס'געציייַג, ווי סע שפּילט אין זיין האַנט!
יעדער זיין אָנווענד דערמיט —
אַן אנטדעקונג.

אַנטדעקן זיך סוידעס פאַר מיר:
מאַטעמאטישער טיפער אַזשור פון ארבעט-אויפאַנים.

אין אופשניט אין נייַעם,
אין זעונג אין נייַער
באווייַזן זיך אייַזן און שטאָל
און אנדערע באקאנטע מעטאַלן.

דער אַלטיטשקער מייַסטער
מיט שאַרבנדיק-מאַטעוון קעפל —
מיט גאנצן געביין זיינעם שפּאַרט ער זיך צו צו מאשין.
מורמלענדיק עפּעס,
באוואכט ער די הייסע באהעפטונג פון שניצער מיטן דעטאַל.



קומט ער א קאַפּל ניט ניכטער,
בארימט ער זיך ניט מיט די צוויי צענדליק קינדערלעך זיינע,
פון וועלכע דעם קלענסטן איז ערשט צען כאדאשים, —
ער באַרימט זיך,
אז צווישן די טאָקערס אין אלע זאוואָדן
זיינען די טיכטיקסטע יענע,
וואס האבן א לעק נאר געטאן פון זיין כאָכמע,
אבער ווי ער,
קען נאָך קיינער די קונסט ניט.

10

די פאַרע פונ שטאָלענע סטרוזשקעס,
וואס קנאַקנ געשמאַק,
ווענ ס׳שניצט זיי דער שניצער אראָפּ פונעם לײַב
פונעם שטאָל,—
די פאַרע איז אַנגענעמ־טערפּקע,
ווי גוטער טאַבאַק.

מיר זײַנענ געוועננ זאלבעזעקסט אינ בריגאַדע,
וואס האבנ געפּאָרעט אַרומ דעמ בלאָק:
געשניצט,
געטאָקט, געכאָוועט, געטעסעט,—
צו דרײַ מישמוירעס זעקס מעסלעס,—
און ס׳איז ניט געפאלנ קיינ נאָגל אינ בראַק.

באנאכט, דער שלאָפ זאל אונדז ניט יאַדענ,
האט מענ צו סטרוזשקעס געבויגנ די קעפּ,
צו וואַרעמער פאַרע,
צומ סאַמע גערוכ,—
און זיכ דערפרישט מיטנ טערפּקע־טאַבאַק.



11

די יונגע פרוי,
וואס לערנט זיכ באגלײַכ מיט מיר בא דער מאשינ,—
לערנט זיכ געשמאַקער:
דער האַלדז פונ איר ספּאָרט־העמד
איז קוימ מיטנ שנירל פאַרשנירט.
דער דרײַהונדערטליכט־לאָמפּ
דערלאנגט צווישנ שנירל דעמ וועג
צו די קליינינקע בריסטלעכ.

שאַפט זיכ דער מײַסטער מיט איר,
אופמערקזאמ־פריילעכ.
שטעלט אָפּ די מאַשינ
און באווײַזט איר די סוידעס
און פירט מיט איר האנט באמ שאַרפנ דעמ שניצער.

ונ מיר גייז מײַנ לערע מיט מי און פאמעלעכ.

סע גיט מיר דער מײַסטער אַנ אַלטע מאַסליאַנקע —
א פּאָמפּערל שטארק א צעבויגנס, —
א צעטל דערבײַ,
אונ שיקט צום אינסטרומענטנ - קאַמער.

צו אײַזערנער וואַנט
אונ צום הויכנ פּענצטערל שטעל איכ זיכ צו, —
ווי אינ אַפּטייק, איז דאָרט זויבער אונ ליכטיק
אונ שטרענג נומערירט.

דערלאַנג איכ דעמ מײַסטערס רעצעפּט
אונ די קאַליע מאסליאַנקע.
נעמט עס א יונגער אַפּטייקער אוועק
אונ א נײַס גיט ארויס מיר:
דאס דעקל געמאכט, ווי אַנ אויג, א נאָפּל פּאראַנ
וואס כ'פאַרשטיי ניט;
דאס פּיסקל איז לאַנג
אונ דאָרשטיק אונ גיריק.





צו אלע וואַרשטאַטנ
צעטראָגט מענ די פרישינקע צײַטונג פונ צעכ.
מע טוט זי א כאַפּ אונ א לייענ, אונ א פלעק
בלײַבט אפּ פרישנ פּאַפּיר.
דעמ זעקסטנ טאג שוינ שלעכט איז,
דעמ זעקסטנ טאג שוינ שטעכט אינ די אויגנ:

| | אופגאבע | געמאכט |
|---|---|---|
| קאַסטנס פאר גיכקייטנ . . | 5 | 2 |
| דיפערענציאַלנ . . . . . | 5 | 4 |
| מאָטאָרנ אַפּנ קאבעסטאנ . | 5 | 2 |
| טראַקטערנ צומ אוועקשיקנ . | 5 | 2 |

## 14

פראָסט אין די דרײַסיקער גראַדן
פארמאָגט אין פארטאָגן
א מערדערשן ווינט.

ארבעטער־גרופּעס אין וואַטענע לײַבלעך און קעפּקעס
אײַלן פון פאָרשטעט און שטאָט
צום שטורעם־טאָג אף די זאוואָדן.

ווערן אין רעגע איבערגעפולטע טראַמווײַען:
יענע, וואס האבן דאס מאַזל
א פוס אַפן טרעפּל צו שטעלן,
שווײַגן באפרידיקט. נאר די, וואס אין דרויסן געבליבן, —
שפּאַרן פאַראַקשנט:
„מע קען נאך!
מע קען נאך!"
סע גיט דער קאנדוקטער ארויס א דערקלערונג,
אז ס'איז דער וואַגאָן ניט פון גומי —
און רײַסט אים, דעם טראַם, פונעם פלאסטער.



בא טויערס זאַוואָדישע ליידיקן אויס זיך טראַמווײַען;
איינער נאך איינעם
לויפן זיי ווידער —
די מאַסן צום שטורעם־טאָג ברענגען.

הײַנט איז דער אַכטער, א רו־טאג געוויינלעך —
האבן די מאַסן א שטורעם געמאָלדן
נעכטן אין צעכן אף יעדער פארזאמלונג:
„וואס פאר א רו־טאג? —
דעם דורכרײַס ברעכן!
א פלאַן אף אַנקעגן
דרייסט צו פארוואַרפן,
דעם גרונט צו דער־בויען,
אף העכער צו שטײַגן!"

## 15

אפ די ווארשטאַטנ אינ צענטער פונ צעכ
זיינענ פלעצער פארנומענ.
דער הויפט־גאַנג, דער זײַט־גאנג —
מיט ארבעטער־יוגנט פאַרשטעלט איז:
יאַטנ, מע קלויבט אינ צעכקאָמ.
איינע דער צווייטער פאַרוואָרפנ די הענט איבער נאַקנס,
זיצנ א בינטל מיט מיידלעכ באמ בלאָק פונעמ צעכ־קראַנ.
מאַטראָסנ א פּאָרל, געשיקטע אפ ארבעט אהערצו,
לאַכנ מיט קרעפּטיקע ציינער אַנקעגנ די מיידלעכ.
שטיל.
דער פּאָרזיצ רופט אָנ קאַנדידאַטנ,
זיי שאַצט סעקרעטאַר יעדנ איינעמ באזונדער:

„א גוטער קאָמסאָמאָליעצ".
„אַנ אַקטיווער יאַט".
„אַנ אַקטיווע קאָמסאָמאָלקע".
„פריִער געארבעט אינ קאָלווירט".



— ווער איז זי? זאָל זי זיכ ווײַזנ! —
הערנ זיכ קוילעס פונ זײַטנ.
הויבנ די מיידלעכ, וואס זיצנ באמ בלאָק,
איינע פונ זיכ אינדערהויכ ארופ.
קרעפטיקע פּענימער שמייכלענ באפרידיקט.

16

— דערציילט אונדז, ווי גייט אײַער אַרבעט
אין שלאָגלער־בריגאַדע,
בידײַלאָ מאַטריאָנע!
— „כ'האָב צען יאָר געדינט אין פּאָלטאַווער גובערניע,
און פיר — אין זמיִאָווע,
אין פּריצישן הויף און בא אַנדערע סאָנים.
באַטראַטשקע.
צומיינסט אין די כאַזערישע שטאַלן.
פאַרצווייִאָרן בין איך אַהערצו געקומען.
קיין שאָ ניט פאַרפעלט,
קעגן בראַק זיך געשלאָגן,
קיין בראַק מער נישטאָ.
פּאַרל פון דעם פּלאַן.
פארמעסטונג געוווּנען;
ליקווידירט מײַן אַמעראַצעס
און לעב אין קאָמונע;
איצט בין איך געשיקט אינעם אָוונט־אַרבפאַק,
און כ'וויל זיין אינזשיניער".



17

טרעפ־אַראָפּ גייט מען שטאַלטנע,
ווי צום שפּיל פון טרומייטן;
טרעפ־אַרופ, —
עטוואס אָנגעבויגן גייט מען.

מאָנטיאָ־ן קלעטערן,
באַלייגן איזאָליאַטערס
אפן שווינדל־הויכן פּאָרטאַל.
אפ שטריק בא רימען־גורטלען
הענגען זיי האָריזאָנטאַל.

און וואַניע,
וואָס שטייט פונונטן
אויסגעצויגן, אזש ס'שטעקט אַרויס די ריפּ,
קוקט אומרויִק־פאַרכידעשט:
„אָט — טראַך! —
און א לעבן א מאַנטיאָרס וועט זיך צעשיטן".

18

האט וואַניע זיך ביטער געאַמפּערט
מיט איינעם א בירגער,
געפּיקט זיך פאַרביסן.
פון וואַניען געשפּאַרט האט
אַקשאָנעס פון מוירדישע זיידעס,
געדריקטע פון שליאַכטע, געשטיקטע פון צאַרן.

ס׳האט יענער מיט אָפענער כוצפּע
ווילקענעוודיק וואַניען געשטאָכן,
אַז „אָט,
און דעם דניעפּערבוי
וועלן „זיי״ אויך ניט דערבויען,—
ווײַל „כלאָפּעס... ווײַל גאָנטעס״
און קעגן נאַטור ס׳איז...״

באַזונדערס האט אופגעקאָכט וואַניען,
ווען יענער די טראַקטערס באַרירט האט.
ער זאגט,
אַז מאַגניטאָ פון אויסלאַנד באקומט מען.



ליגנס! וואַניע אליין איז פון צעכן
און קען זיי,
ווייסט, אז פון אונדזערס, פון אייגנס
א טראַקטער באַשאַפט זיך,—
קוילן דאָנבאַסער און אײַזן פּעטראָווסקער.
ווי זאגט מען אזוינס אף מאַגניטאָ! —
מאַגניטאָ,
דעם בליץ פונעם טראַקטערשן הארצן?

אף מאָרגן איז וואַניע
פאר אָנהויב מישמוירע
אריין אין „ביוראָ פון די ארבעטער-פאָרשלאגן״:
„— אונדזער מאַגניטאָ, ווו נעמען מיר — כײַטאָוו?״
„— מאַגניטאָ, מײַן פרײַנט, איז אַן אימפּאָרטנער פויגל״.
וואַניע דערשלאָגן נויגט צום ארויסגאַנג.
כײַטאָוו פאַרכידעשט הילכיק דערקלערט אים:
— מאַגניטא וועט זיין! די פאַבריק מע דערבויעט!
גלײַכט זיך אויס וואַניע אין ראם פון דער טיר —
און איז ווידער אין קויעך.

19

ביז צו די צעכן דערגאַנ איז,
ביז די וואַרשטאַטנ
דער פֿלאַנ פֿונ צעוואַקסונג,
די פֿליגלענ אַליינ, וואָס מע בויט: —
דעמ גאַנצנ זאַוואָד שוינ אַריבערגעוואַקסנ!
כאָוועט מענ קאַדרענ פֿאַר זיי
אינ פֿאַזעכעס פֿעטע פֿונ איצטיקע צעכנ.

הערט זיכ אַ קלאָגעריש וואָרטשענ
פֿונ גלאַנציק-קאָנטאָרישע טישנ;
דרינגט עס אינ צעכנ אונ שמײַסט איבער הענט
אונ די אויגנ פֿאַרוואָלקנט:

„סע טראָגנ ניט אויס די רעסורסנ!“
„ניטאָ קיינ וואַרשטאַטנ!“



20

נעמט דאָס פֿאַרטייִשע קעמערל
צעגראָבנ זאַוואָדישע לאַגערס.

בראָכ דאָרט אונ בראַק
אונ געפֿלאָנטערטע בערג מיט פֿאַרזשאַווערטנ אַלטוואַרג:
אַפּ שלאַכטנ פֿונ אַרבעט, —
צענעריקטע ווערק
אונ צעשעדיקטע קערפּערס.

זוכט דאָס פֿאַרטייִשע קעמערל,
גראָבט אינעמ ברוכוואַרג אונ שלעפּט אַרויס
טיילנ
פֿונ טאָקער- אונ פֿרעזער- אונ טעסלער-וואַרשטאַטנ;
באַלד אינ רעמאָנטנע,
אונ אַט זיינענ נײַע שוינ געסלעכ אינ צעכנ געעפֿנט, —
אָנטפּלעקטע מאַשינעס.

פרייַלעכע יוגנט, וואס אָקאָרשט פונ שולנ,
שטעלנ זיכ צו אונ מע הייבט אָנ די לערע —
דעמ דרייסטנ געראַנגל מיט שווערע מעטאלנ;
אונ ס׳פּיקנ זיכ נייַע בריגאַדעס
בויענ
באָלשעוויסטישנ אומעדומ.



21

צווישנ דעמ בינטל אַנטשיידענע יאָרנ,
פונ אונדזער עפּאָכע.—
טיילט זיכ דאס דרייַסיקסטע אויס
מיט שטורמישנ וווקס פונ קאָלווירטנ,
מיט אופשוווּנג פונ טויזנטער נעמענ פונ מענטשנ פונ נייַע,
וואס זיינענ פונ ערדישע מאַסנ
דערהויבנ צו רומ
אונ צו לויב אונ צומ בייַשפּיל.

דאס דרייַסיקטע יאָר האט מיט
שטורעמ באַוועגט זיכ:
האט שוואַכע כאַווייִרימ אינ טענצל געוואָרפנ,
אינ טענצלשנ פיבער
דער קאָפּ האט פארדרייט זיכ.
א מעכטיקע שטימ האט באַצייַטנס דערמינטערט:
דעמ שווינדל פאַריאָגט
פונ די קעפּ פונ די שוואַכע,
אונ שטורמישנ גאַנג פונ דערפאָלגנ
א ריכטונג א פעסטע געגעבנ.

ארבעטער האט די פּאַרטיי פון זאַוואָדן גענומען,
25 טויזנט געניטע אין קאַמף,
צו בויען א מענטשהייט א נייַע.
אין דערפער צעשיקט זיי —
די פויערשע מאַסן צו העלפן
די גרויסע באוועגונג ריכטיק צו פירן:
די ערד איבערבויען;
פון מענטשעלעכ אָרעמע —
פאָלק פּראָלעטאַרישעס שאַפן.



22

סע גייט צו די לענינ־טעג,
דער פראָסט נעמט דעם טאָג אפ דרייַסיק.
סע גרייטן זיכ צו קאַדראָוויקעס
אריינַטרעטן אין דער פּאַרטיי,
פּאַרסכאקלענדיק יאָרן פון אייַזערנער מי,
אריינַטראָגן זיי אינעם פאָנד
פּאַר פעסטערן אָנגרייַפ
און שנעלערן אופבוי.

קאָשלאַב, א 25־טויזנטדיקער,
געקומען אַפן טראַקטערבוי
מיט גרוס און מיט פּאָדער
פון דאָרפיש־גיגאַנטישערווירטשאפט:

— ערד־קאָלעקטיוון באוואַרפנדי מ. ט. ס.
מיט אומרו און זאָרג,—
און יענע מיט אָנפראַגעס
לאָזן ניט רוען:

צי וועט ביזנ זומער דער טראַקטערנער זיינ ?
צי ווערט מענ צומ נייַעמ גערעטעניש פאַרטיק ?

— אַוואַדע !
סע קענענ די קעלטנ
קיינ שטערונג ניט זיינ :
פייַערס צעלייגט מענ
אונ צעמענט אונ ציגל מע וואַרעמט.
מע שטעלט שוינ וואַרשטאַטנ
אינ אייניקע צעכנ אַרייַנ,
אונ אנדערע צעכנ יאָגט מענ ארופ,
באטאָג אונ באנאכט מיט כיישעק אזא מינ,
וואס וועלט ניט געזענ נאָכ !

א פריילעכער מורמל פליט דורכ
אַפ פענימער האַרטע,
ווענ בורמאנ א וואָרט נעמט.—
איינעכטנ האט מיט אימ אָט וואס געטראָפנ :
טראָגנדיק ציגל אפ קלעטערגעשטעלנ,
איז ער פונ שטאָק פונעמ דריטנ
אפ ברוכווארג אַ ונטערגעפאלנ
באגלייט מיט די ציגל.

געבראַכט אימ צומ זינענ,
וואַרט מענ, די גיכע הילפ זאָל קומענ.—



נאָר קוימ האט דער שפּאַנ זיכ פונוויַיטנ באוויזנ,
איז בורמאַנ אפ פיס שוינ געשטאַנענ,
אונ באלד צו די קלעטערגעשטעלנ,
זיכ ווידער צו ארבעט גענומענ,—
די ציגל דערלאַנגענ.

— אוואדע אונ זיכער.
— מיר וועלנ דעמ טראקטערנעמ געבנ.

## 23

מיר איז איבערגעגעבן אין מײַנע הענט די מאַשין.
מיט אָט דעם האַנטגריפּ
באהערש איך די ערשטע קראַפט פון דער וועלט —
דאס עלעקטרישע פײַער.
מיט יענעם קנאָפּ — די צווייטע וועלט־קראַפט —
דאס וואַסער.
איך וואַלגער ארופּ דעם שווערסטן קלאָץ:
פון טשוהון, צי פון שטאָל, —
אַבי מײַן פּאַטראָן נעמט אים אוף אפ די ציין,
און כ׳לאָז אפּ אים אָפּ — געהיט און געניט —
די וווּנדער־קויכעס די צוויי.

און איך שאַפּ פון דעם קלאָץ
א גוף, א געשטאַלט,
א נוצלעך געשעפּ.

איך האַלט אין די הענט און פיר מיט זיי אָן,
מיט קרעפטן מיט גרעסטע פון לעבן און וועלט:
פײַער, וואַסער...



## 24

אַפּ אלע לאַנגע טישן אין צעכישער גאָרקיך
שטייען הויכע בלומען־גלעזער מיט פרישע געאָרגינען;
פונקט אינדערמיט אפ די טישן צעשטעלט,
ווי אין הויפּט־גאַסן זיינען צעשטעלט די לאמטערנס.

שנעל ווערן לאַנגע בענק באזעצט:
פאַר יעדן א ווײַסער, נאָר פײַכטלעכער טעלער.
שנעל וואַקסן אויס די וואַזעס מיט באָרשטש,
שנעל גייט די קאָכליע פון האנט צו האנט.

איך זיץ אינדערמיט,
פרעמדע — אַרום;
מיר קוקן זיך איבער:
„ווער הויבט אָן דער ערשטער?”

אלעמענס בליקן פאַלן צונויפּ
צום מיידעלע דינעם אין העלרויטן טיכל.

הויבט זי זיך אוף, און מיט האנט מיט געטרייַער
טיילט אלעמען אייַנ פונ פולנ הארצנ.

אַנטקעגנ אפ וואַנט הענגט א פלאַקאַט:
„די בעסטע פרויענ — אינ דעלעגאַט־פארזאמלונג".



## 25

אינדרויסנ איז טיפע נאכט.
אינ צעכ איז טאָג און גערויש.
כ'גיי מיטנ עמער —
זייפ־וואַסער ברענגענ דעמ טאָקער־וואַרשטאַט:
די שניצערס צעהיצטע צעקילנ.

טראָג איכ דעמ עמער, און זוכ איבער צעכנ,
וואס שרייַענ מיט ליכט און געשפּאַנטע מאָטאָרנ.
כ'בינ דאָ נאכ פרעמד
און איכ שעמ זיכ צו בלאָנדזענ מיט ליידיקנ עמער,
וואס לאַנג איז, און איכ בינ א קורצער.
„ווו איז דאָ..."
„ווו נעמט מענ..."

אט איז זי, די זאַל, די געגאַרטע,
מיט טשאַנעס אינ רייענ אפ הויכע בימעס:
זייפ־וואַסער פעטע, ווי מילכ,
און ניקלנע קובנ מיט וואַסער געקאָכטע צומ טרינקענ.
א ריזיקע ווערטערנ גרייט און באהיט
די געטראַנקענ.

א גרויסער קאָוועד צו רופן זיך שלאָגלער: אויב
א פאַרטייער, דאַרף ער אַוואַדע א מוסטער זיין.
„פאנפיאָראָוו, גיב דעם „פראָליאָט" א באריכט וועגן זיך",

זיין קערפערל קליינס
דרייט זיך געשווינד, די וואָנסן ווי פליגל
צעצויגן, און רויט:

„וואס דאָ צו רעדן,
„וואָט!
„א שלאָגלער און גאָר.
„אין מייַן בריגאַדע קיין בראַק איז ניטאָ.
„פראָגול? וואָט: נאָך דאס וואָלט געפעלט.
„ווי גייט די פאַרמעסטונג? — פלייַסיק.
„וואָט!
„צי פילן מיר אויס דעם פלאַן? ווי דען?
„צי צוגעפעסטיקט צום זאַוואָד?
„שוין צוגעפעסטיקט א יאָר דרייַסיק.
„וואָט!
„און רעדן גלאַט וועל'כ אויך נאָך קענען.
„וואָט!"





צום סאָף פון דער נאַכט-מישמוירע
איז מיר פארסאמט דאס הארץ:
מיטן זיבנונפערציקסטן עקבויר
געבויערט האָב איך אין צעהיציקטן שטאָל:
מיט אָנשטרענג פון לייַב,
מיט וואָג מיט דער פולער פון קויכעס.
קיין צייַט ניט דעם שווייס אָפּצווישן,
וואס אונטער די אויערן קיצלט.

האָב איך דעם מייַסטער געפרעגט,
צען מאָל געפרעגט:
— צי וועט ניט דאָס שפינדל ארויס פונעם נעסט,
צי איז ניט גענוג?
ער האָט ניט געענטפערט
און דרייען געהייסן פאָרויס.

איצט איז דאס שפינדל ארויס.
דער מייַסטער קוקט באַסעם אף מיר,—

סע באָברענ צוויי טאָקערס אריַינשטעלנ אימ אפ צוריק,
פאַרלירנדיק גאָלדענע דריַי פערטל שאָ.

כ'זאָל ניט געווענ פיל מאָל פרעגנ דעם מיַיסטער,
וואָלט ניט געווענ אזוי גרויס מיַינ פאַרדראָס.



28

פאַרשמ עט, פארוואַקסנ מיט באָרד מיט געדיכטער, —
צו היציק געווענ איז מיַינ פליַיס
אינ די ערשטע פאָר טעג.

שוויציק, אינ איַילעניש, טעג ניט געגאָלט זיך,
טייקעפ צו אַלעמ געכאַפּט זיך,
נאכ איידער פארש-אנענ דעמ זינ פונעמ טועכצ: —
פאַרבייַט איכ דעמ דרינמעסטער מיטנ קראָנצירקל.

דער מיַיסטער — א הויב מיט אַנ אַקסל,
טוט מיט זיינ מיַילכל א געגנע ניט גוטס אפ מיַינ כעשבנ,
ווינקט צו א צווייטנ מיט כויז ק.

באמ סאָפ פונ מ׳שמוירע,
באמ אויספוצנ ריינ די געצייַגנ
מיט קנוילנ פונ שטריקלנעמ אָפּפאַל,
טוט ער גוטמוטיק א זאג מיר:
— „טאָקער, טאָק זיכ אָפ די באָרד".

29

לױב און רום גײט אַרום װעגן מײַסטער פֿון קאַליבערן.
זײַן נאָמען מיט שװאָכים געקרױנט
איבער אַלע זאַװאָדן.
קײן גלײַכן צו אים איז ניטאָ,
װאָס זאָל קאָנען די קונסט אַזױ טיף אין גאַנץ פ. ס. ר. ר.

האָב איך זיך עטלעכע טעג געקליבן א קוק טאָן אף אים,
צוליב אײגענעם נאַכעס,
װי אױכעט צוליב א ליד פֿון אים שרײַבן.

כ׳האָב פֿונדערװײַטנס געזען א מעכטיקן קערפּער צום
סופּאָרט זיך בױגן.
לײַכטער פֿון ייִנגל באַװעגט זיך,
פֿון ייִנגל דעם בלאָנדן,
אף װעמען דאָס גליק איז געפֿאַלן באַם מײַסטער זיך לערנען.
לופּטיק באַװעגט זיך;
אָבער װי טיף איז פֿאַרטיפֿט אַט דער מעכטיקער קאָפּ בא
דעם סופּאָרט!



אַזױנס האָב איך אײן מאָל געזען שױן:
א פֿידלער באַם שפּילן, א װעלטבאַרימטן.

געקומען דער מײַסטער אין צעכן א נײַניאָריק ייִנגל,
א מאַן איז ער איצט פֿון נײַן פּערציק.

ס'האַט אַלעמענ צעקאָכט,
אַלע ביזנ בלוט געטראָפֿנ:
מיר ווייסנ, וווהינ סע פירט אונדז די פּאַרטיי.
מיר גאַרטלענ די קויכעס אונטער.
אונ נאכאמאל שטאַרקער,
אזוי באָלשעוויסטיש,—
אונ פירנ דאס לאנד פונ די קלעמענ ארויס.

איז אויב א פאַרשוינ,
ווי כאווער האַלפערינ,
דערצו נאָכ אליינ פונ קאָמיוג,—
אויב אַזעלכער טוט אזא זאָג,—
איז מאכט עס אימ קלאָר
אונ ווייַזט אימ זיינ אָרט:
מ'האט אימ געהייסנ בויערנ לעכלעכ,
זאגט ער: ער בויערט ניט פאר פינעפ קאָפּיקעס
א שטיק!





מיר, וואס די קויכעס ניט קאַרגנ, זאָלנ מיר לאָזנ
זיכ קריוודענ?

מיר וועלנ — אָנ אונטערשייד ווערמענ — קיינעמ
דערלויבנ דעמ ווּקס פונ דער שלאָגלערשער
ארבעט פארהאלטנ.

אונ אז מ'האט הייַנט סכירעס געצאָלט,
איז מאַכנ פאַרשווינדלעכ א יאָנטעוו,
מע קומט ניט צומ נאַכט-שיכט?
אָט שטייענ די גרויסע מאשינעס: איבער זיי,—
נאר ליכטיקע לאָמפּנ — סע פעלנ די קעפּ,
וואס דאַרפנ געניגטע זיכ באָבערנ איבער
צעבריטע מעטאַלנ.

סע וואַרט אונדזער קלאַס,
זיינע ערדנ צעגראָבענע וואַרטנ.
איז נאַ דיר גאָר! — שיקערע קעפּ ערגעצ ליגנ אונ
כרוקענ אינ נודנע כאלוימעס.

מיר וועלנ — אָנ אונטערשייד ווערמענ, — קיינעמ דערלויבנ...

כ'האב אימ באמ קנופ פונ טראַמווייַענ
באגעגנט, צומ רינג פונ זאוואָדנ,
מיט ארבעטער־אוילעמ זיכ דרינגענ צומ איַינגאַנג:
גלײַכ אויכ ער דאַרפ צומ וואַרשטאַט
זיינ פינקטלעכ.

ס'איז דאָכ פונ רודנעווער מערקל דער קרעמער!

באַומרויִקט האט מיכ זיינ אויסזענ:
מיט וואַטענעמ לײַבל אונ קעפי — אַנ
ארבעטער גלײַכ.
— וויהנ אזוי פרי? — האב געפרעגט אימ.
— אינ דאָרפ דאַרפ איכ, — האט ער פארדומפנ געענטפערט.

נאר אינ שטראָמ צו זאוואָדישע טויערס
האב איכ באמערקט אימ:
אריַינ אונ פאַרמישט זיכ.

ערגעצ פארטייַעט צווישנ וואַרשטאַטנ
דרייט זיכ דער קרעמער פונ רודנעווער מערקל.





דער יונגער שאָכנ מייַנער האט אָנגעשטעלט
דעמ טעס־צאָנ
אפ היפשער באָלוואַנקע
אונ צו צו מייַנ וואַרשטאַט א קלייניניקנ שמועס טאָנ.

אפ אייַזערנעמ קני־וואַל
גייט זיכער מייַנ שניצער,
באלייט פונ די הענט אונ
באוואַכט פונ די אויגנ;
די אויערנ זיינענ גענויגט צו דעמ שאָכנ.

א ברוינער פונ אימפעט פאַרבראָטנ,
פייַערט זיינ אָטעמ מ'ט האַס
צו דעמ שעדיקער־בונד, וואס אַנטדעקט איז:
— פארניכטנ איז ווייניק,
אונ מיינסט, אז בא אונדז אינ זאַוואָד דאָ?
ווער ווייסט, וויפל שלאַנגענ,

קולאַקעס,— זיי האבן די פּי אונדז צעקוילעט,—
אונדז אונטערצורייַסן די קויכעס.
זיי פּאַקן פּאַפּירלעך און קריכן אריַין אין זאַוואָדן,
הינטער די פּלייצעס אונדז טאָטשען.



## 34

פּלוצים, די שייַן ווערט געשלאָגן;
נאכ איידער מע הויבט אופּ די קעפּ
צו די לאָמפּן,
גייט שוין די שייַן אויס.
פינצטערניש קומט אין די צעכן,
און פראגעס פּארדריסלעכע פּליִען, ווי שפּיזן:
— וואס הייסט עס?
ווי קומט עס? —
דער דורכרייַס לויערט.

פון ערגעץ א זייַט כאַפּט זיכ אופּ א געזאנג
פון דער יוגנט:
די ליידיקע ווייַל מיט א לידל פּארפולן;
א מיידלשער פריילעכער קוויטש,—
ווי אין וואַלד, איז דער אָפּהילכ.

כ'טאַפּ צווישן אייַזנס א וועג
און טרעפּ אָן מייַן שאָכן;

זיינ פאָנימ צו מײַנס פיל איכ נאָענט;
זיינ אומרו אויכ מיר גיט זיכ איבער:
— פארוואס איז קיינ ליכטלעכ ניטאָ,
צי קאַנעצלעכ פאָשעט?
ווי לאָזט מענ אינ פינצטער די צעכנ?
אַנ ארבעט באמ סוינע איצט אָנטאָנ א שאָדנ?
א שרויפ אינ די וואַלצנ — אונ פאַרטיק.



## 35

אינ א ווינקל פונ צעכ,
אינ א דראָטענער בודקע
שטייט די געפאנגטע עלעקטרישע קראפט.
אליינ דער טויט האַלט די וואַכ בא דער בודקע:
ער וואָרנט אראָפ מיט א מענטשלעכנ שאַרבנ,
וואס אונטערנ קינ אימ
צוויי ביינער מיט קנאָכנ.
אינ שטערנ א בלוטיקער בליצ האט געטראָפנ,
וואס טראָפנט ארויס פונ די ציינ
מיט באזונדערע טראָפנס.

פונ אונטער די גלעזערנע דעכלעכ פונ צעכנ,
פארביַי אַרמאַטורנ —
א וואַלד טראַנסמיסיעס
ציִענ עלעקטראָ-קאַנאַטנ,
די אומגעהויערע קויכעס,
צו דראָטענער בודקע,

זיי ציִענ אונ קניפנ זיי אָנ אפ די מראַמאָרנע ברעטער
מיט נאָפלענ,
מיט קנאָפנ בא עלעקטרישע גאָפלענ.

אונ ס'טרעפט אמאָל:
ס'שליסט אופ די בודקע א פאָשעטער יאַטל
אונ היימישלעכ נעמט זיכ באגיינ מיט געפאנגטע געפאַרנ.

דער טויט קוקט צו:
דער יאַט האלט די וואַכ.



36

רויטע קאָמאַנדירנ א קאָמאַנדע,
געקומענ העלפנ דערבויענ
די צעכנ די נייַע.
זיבנ גאַנצפרי זיכ גענומענ צומ גראָבנ:
די נעסטנ פאַר קאַבלס
אונ לייטונג פאר וואַסערס.

אונ ווענ צו דעמ מיטעק מיר זיינענ געגאנגענ,
האבנ זיי גראָבנס ביז אַקסל געהאט שוינ.

פונ צעכנ פעט-שטויביק אונ פריילעכ
וואַרפנ זיכ ארבעטער איבער מיט ווערטער,
די גראָבערס די געזונטע הערנ ניט אופ
זייער אַרבעט:
די קעפ נאָר זיי הויבנ
אונ ענטפערנ פריילעכ.
סע שטעלט זיכ אַנ ארבעטער אָפ
אונ בייז אונ ברויגעז בורבלט:

— אומבאַדינגט באַלד זאָלו אַנטאָנ
די העמדלעכ, —
וואס הייכט עס?
א גריפ קענ מענ כאַפנ!



37

א דערלאַנגערקע האט זיכ פארשפעטיקט דעמ מיטעק
דערלאַנגענ:
קלאַפנ צוויי רייענ מיט לעפל אינ טישנ, אינ טעלערס,
אונ מייַלער דאָ גרילצנ, אונ ס'מישט זיכ
מיט כליעפטשענ פונ אנדערע טישנ,
מיט דרינדזשענ אונ קרעטשקענ פונ וואָרטשענדנ ראַדיאָ,
מיט זשומענ פונ מאַסנ: באמ איינגאַנג,
באמ אויסגאַנג,
בא דורכגענג,
באמ פענצטער פונ קאַסע,
בופעט, פאַפיראָסנ.
דאס רעכטע־געדעכטע, דער קניפ —
איז באַמ פיאַנאָ:
דאָרט קלאַפנ געקאָוועטע פינגער א האָפקע,
אונ יוגנט מיט הענט,
ווי מעטאַלענע פלעצל,
פליעסקענ צומ טאַקט צו דעמ פאָרל, וואס טאַנצנ מיט
ערנסטע פענימער איינס קעגנ צווייטנ.

## 38

יע:ע נאַכט האב איך געטאָקט און געהובלט
קאָנוסנ איידלע,
די צייכנונג דערלערנט
פונ דרינענ און דרויסנ;
אָנ אופהער די שטאָלענע מעסטערס געמאַטערט
צום הונדערטל טייל מילימעטער.

דער שלאָפ האט דאס כיעס גענאָגט און געזויגנ:

דער סוינע פונ בויונג, פונ קיעמס, פונ גרונטנ,
דער שלאָפ האט צעשרויפט מיכ,
באהערשט יעדער אייווער:
און טוט מיכ א שטעל אלע מאָל אינ אלאַכסנ,
גלײַכ בינ א קאָנוס אינ הענט פונעמ שלאָפ.

ווענ בינ דערנאָכ פונ דער ארבעט געפאָרנ:
א בעקער-אַרטעל האט אַרויסגעשיקט פרישינקע בייגל.
— כ'וויל ניט קיינ בייגל,
כ'וויל שלאָפנ.



פלייש פריש אפ יאַטקישע שטעלעכער.—
— כ'וויל ניט קיינ פלייש —
שלאָפנ;

מ'האט קישנס געבראַכט דער צעטייל-קלייט
פאר שלאָגלערס —
אָט, אפ א קישנ בינ איכ שטאַרק א באַלנ.

ווי מע דערזעט דאס קאָמישע נעפעש:
דעמ טעסלער-וואַרשטאַט מיטנ קרומענ צאָנ,—
איז גלייַכ, ווי אינ צירק
מע דערזעט דעמ קלאָונ.

דער איינציקער צאָנ,
וואס שאָקלענדיק שפרינגט,
שפייַט שאָלעכצ פונ שטאָל,
ווי וואָלט קערלעכ געקנאַקט.
דער שאָטנ פונ רוקנ ליפט אומ אפ דער וואַנט.
דער צאָנ פאָרויס — איז א שניט אינ מעטאַל,
דער צאָנ צוריק — איז א פוסטער פראַל.

און פאַר דעמ פאַרזעעניש אפילע
האט אויכ זיכ א פרייַנט געפונענ:
געשטרעקט איז אפ דעמ א געטרייַע האנט.





אַנדערש זעט מענ ניט דעמ געלנ טעסלער,
ווי נאָר געניוגט דעמ קאָפ צו זיינ וואַרשטעט,
צומ צאָנ אונ צומ מעסטער.
אַנדערש קוקט ניט זיינ בליק,
נאָר פארליבט אינ ארבעט אינ שיינער,
אינ טעסענ.

אינ מיטעק-האַפסאָקע באהאנדלענ די צעכנ איניאָנימ
פונ לאַנד, פונ וועלט, פונ ווירטשאַפט.
בלייַבט ער באמ וואַרשטעט אונ שפיצט אָנ דעמ אויער,—
פונ וויַיטנס ער שפירט נאָר.
אינ שאָ, ווענ סע שטייענ פארשטומט די וואַרשטאַטנ,
אונ שיכטנ זיכ בייַטנ,—
אויכ דער דרויסנ שוינ בייַט זיינע פאַרבנ:
ווייסט מענ ניט קיינמאָל:
צי קומט ער,
צי גייט ער;—
ער דרייט זיכ, דער געלער,
פאַרטיפט אונ פארליבט אינ זיינ ארבעט.

41

איז הײַנט דער אַלטער נאָכ אונטערנ גלעזל צו דריטער
מישמוירע געקומענ,
צערייצט אונ באַרויגעז
ער שאַפט זיכ מיט מיר אַפנ ווונק.—
אַפנ ווונק איז שווער צו פאַרשטייענ:
„פײַלנ דעם קאָנוס,
צי שנײַדנ דעם שרויפ?"
ער שטעלט אָנ דעם שניצער אונ שנײַדט אפ קאַפויר,
ווײַז איכ אים אָנ,
שעלט ער מיכ אויס אונ מיכ לאָזט ער טאָנ.
— הער נאַר! — זאגט ער, —
ארבעט די נאכט
אונ בלײַב נאכ אפ א טאָג.
מײַנ מײַסטער איז ער,
איז מײַנ ענטפער אים:
— גוט.
...פאַרטאָג פעלט מיר ארבעט שוינ אויס.
כ'נורע זיכ אײַנ



אפ אײַזערנעם טיש
אינ שלאָסערנעם צעכ.
צוקאָפנס — דער אײַזערנער שרויבשטאָק, איז האַרטלעכ.
פאַלט אפ מיר אָנ
דער וויל-גוטער שלאָפ,
ביז אויסוועקנ וועט
פונעם מײַסטער דער טרונק.

גליקלעכ די מאָס פונ מײַנ שלאָפ איז געווענ:
צו נײַער מישמוירע זיכ אופגעכאַפט פונקט.

42

## ערשט בילד

איז נינע און פּאַשע מיט אנדערע גלײַכ
פונ דער בירזשע געקומענ,
דעמ קנופּ פונעמ װײַטערנ לעבנ
אינ צעכנ פאַרקניפּנ.

הערשנ דאָ קרעפּטנ,
װאס קנעטנ מיט לײַכטקײט
מעטאַלענע מאַסנ
און שװערקײטנ גרויסע —
װי שפּילעכלעכ װאַרפנ.

דערשטוינט װערנ נינעס באװעגלעכע אַקסלעכ,—
אַרומ די אויגענעס,
די יונגע,
א שמייכל צעבליט איז.
און פּאַשע, קאַלטבלוטיק,



װאַרפט פּאַסיקלעכ שײַנ
דורכ רויטלעכע װיִעס.

דער עלטסטער האט צוגעשטעלט נינענ
צומ ארבעטער ראזינ,
און פּאַשענ,— צו שטיינענ.

און טעג, װי שפּאַקטיװנ,
באװײַזנ אינ װײַטנ העלע קאָליזיעס.

43

### צווייט בילד

ראַזינ — א שלאַגלער,
א דרייס-ער פאַרטייער,
דעם רומפּילנ וועג פונ קאַמיוג ערשט פאַרענדיקט, —
ציט נינעג אריינ אינ דער לערע מיט כיישעק:
די קונסט זאָל זי קענענ, א שלאָגלערנ ווערנ!

דאס בלוט אינ די אָדערנ פליסט איר פאַמעלעכ.

איר פאָטער, מ'סטאַמ, האט אפילע אינ טרוימ
קיינ זאַוואָד ניט געזעענ.

זי ציט זיכ אריינ
אינ געראנגל פאַר טערמינס,
פאר טעמפּנ,
פאַר שלאָגלערשע וועטנ,
און כאַפּט
א פארבאָרגענעמ קוק אַפנ לערער:
צי יאָ,



צי געפעלט אימ,
צי גוט אזוי טוט זי...
און שעמט זיכ.

און פּאַשענ פאַרדריסט עס;
זי כוליעקט פונ שטיינער:
פארוואס ביסטו, שטיינ,
ניט קיינ שלאָגלער,
דו, באָכער! —
איז פּאַשענ פארדראָסיק.

44

### דריט בילד

צוויי שלאָגלער - בריגאַדעס —
פארמעסטונג געמאָלדן:
אין איינער איז ראזין און נינע,
אין צווייטער —
איז שטיין און פּאַשע.
— שטיין, ניט דער־לאָזן,
סע גייט אין דער ערע!
רירעוודיק ווערן!
— קענסטו ניט, פּאַשע, דעם ראזין,
ס'א רוכ א פארשײַטער!
— בעבע ניט, שטיין:
רירעוודיק ווערן!
סע גייט אין דער ערע!

פּאַשען גייט אין דער ערע פון לעבן,
פון נײַעם:
פון מאַן זיכ באפרײַט,



און דאס קינד
זיכ גענומען —
באַנײַט זיכ איר גורל:

דרײַצן בינדיוגעס
פאַרמאָגט האט איר הערשער.
אפ אָנטרײַבערס דרײַצן
האט ער געוועלטיקט,
פּאַשע, די פערצנטע, האט אים געדינט
און מערער פון אלע
פארזוכט זיין אַכזאָריִעס.
פון זיינע
געקאָוועטע רעדער, —
הײַזער אין גאַס זיכ געטרייסלט;
א כאָשעוו א גרויסער געוועז
אין דער שענק פון רײַאָן.

ניט גרינג האבן טרײַבערס באפרײַט זיכ
פון אונטער זיין ווילן,
און נאכ מיט גרעסערע צאָרעס
האט פּאַשע דערגרייכט עס.
— גוט אזוי, שטיין,
דעם דורכרײַס ברעכן,
און בעסער נאכ, מערער,
סע גייט אין דער ערע!

45

### פערט בילד

נינע שטייט שוין אַליין באַם וואַרשטעט
און פּאַשע אויך.
נינע די נאָרמע יאָגט שוין אריבער —
פּאַשע — קימאַט;
נינען שוין רעכנט מען אינעם אַקטיוו, —
פּאַשע דעריאָגט.
נינע א מוסטער, א שלאָגלערן זיין —
פּאַשע נאָך ניט.
נינע אין דריטער מישמוירע
איז פלינק; —
פּאַשע שלאָפט איין;
נינע איז שוין א פּאַרטיי-קאַנדידאַט, —
פּאַשע נאָך ווייט.

נאָר פּאַשע גרייפט אָן
און גרייפט אָן
און וועט גרייכן.



אָבער פּאַרדיראָסיק איז פּאָרט
און סע שטעכט זי:
— שטיין, דו, זע,
ווי ס'האט ראַזינ
אַז נינען געווירקט!
אַפ וואָסערע וועגן
די נינע ער פירט!
שטיין, דו, זע!

46

די אײַזערנע פּיס פון מאַשינעס
פאַרמויערט
אין קלאָציקן דיל פון די צעכן;
פעט איז דער דיל און פאַרבראַקנעט:
פון אייל און שווייס
און פײַער און וואַסער און נאַפט,—
פון טראָט פון די שטורעם־בריגאַדעס.
הינטער די קערפּערס פון שווערע מאַשינעס
צוגעשמידט שטייען
די אײַזערנע בעקנס
פאַר זייער „באַדאַרף".



47

„— ווו איז דאס קענדל, דאס נײַע,
וואס דו האסט באקומען?" —
שמיצט זיך דער אַלטער
און צאָרנדיק שעלט זיך.

כאַפּ איך א קענדל
פון עמעצנס וואַרשטעט,
און הויב אָן באזאלבן
די רעדלעך־געדערים.

„— ווו איז מײַן קענדל?
כ'וויל ניט דאס אַלטע:
דער קנאָפּ איז צעבויגן,
דאס פּיסקל פאַרקרימט איז;
ווו איז דאס נײַע,
וואס דו האסט באַקומען?"

פאַרקאַטערט פון טשאַד
פונעם ביטערן טראָפּן,
זוכט זיך דער אַלטער:

„— וואס האסטו מײַן נײַס
אונטער שלָאס ניט פארשלָאסן ?
כ'האב דאָך געזאגט דיר :
דאָ זיינען באַנדיטן. —
געגאַנוועט מײַן קענדל".

דאס קענדל, דאס נײַע,
שטייט אפ זיין וואַרשטעט ;
ער מאַכט זיך, ער זעט ניט,
און בורקעט נאך ווײַטער . . .



## 48

אראָפּגעבראַכט פון אויסלאַנד
דרײַ פרעזער־וואַרשטאַטן,
אַוועקגעשטעלט סאַמע אין שפּיגל
אפ כאָשעווע ערטער ;
גלאַנצט זייער נײַקײט,
שרײַט זייער גלאַנץ :
„מיר זיינען נײַ !"

האט א קאָמיסיע פון ארבעטער בעסטע
באקוקט און געפּרוווט
א'ן באַטאַפּט און צעגלידערט :
באזונדער די טיילן
און קערפּערס די גאנצע : —
און מיט די ווערטער
געקומען צום אויספיר :
„פאַרעלטערטע טיפּן,
„דראַפּיטשעס אַלטע,
„מיר דאַרפן פאר בויונג

די בעסטע סיסטעמענ".
און ארבעטער האבנ מיט ביטל
געקוקט אַפנ פרעכטיקנ אַלטוואַרג,
און אופגעוועקט
צאָרנ און כשאד צו דער האנט,
וואס האט אפ זיי בלוטיקע געלטער געפּאַטערט.



49

איידער כ'האב אַרומגעדרייניקט די מאַשינ,
וואס האט א גאנצנ טאָג געהאָרעוועט אפ אײַזנ,
אפ האַרטנ שטאָל געקרעכצט,
פארשטויבט זיכ די געדערימ,—
בינ איכ שוינ דער לעצטער
געווענ פונ מײַנ שיכט.
דער לעצטער מײַנ נומער גענומענ פונ טאַבל —
ארויס אינ דער הערשאפט פונ נאַכט.

א טיר פונעמ שטאַמפּ-צעכ איז אופ,
אויוונס — אָפנ.
פּאַרטיקע קוילישנ-גוילעמס פונ אײַזנ,
טשוהונ —
ארויסגערוקט שטייענ:
אופגעגאַנ פוכקע,
גליִענ אינ נאַכט
מיט העלישנ פײַער.

דאָ גרייטן די שטעמפּלער
דאס פייַער־געבעקס פאר די צעכן,
וואס וועלן עס נעמען אין צוואַנגען
און פורמען געשטאַלטן פון זיי:
ריזן־מאַשינעס.

זאלן פויערשע שלאָגל־ער־בריגאַדעס —
ערדן באַנייַען,
און גאָב, וואס די וועלט ניט געזען נאָך,
באַקומען פון ערדישע טיפן.



50

אַלצייַנס, ווי הויך דער גראַד פונעם דאָרשט: —
מיר טרויען ניט ברונעמס אין סטעפּ,
אין וואַלד־געווילד,
אין זשוואברעס — די קוועלן. —
מיר טרויען נאָר דער וואַסער
פון דער וואַסערלייטונג, —
און די וועלן מיר אומעדים צעשטעלן.

51

באַם זײַט פון גיגאַנטן־געראַנגל פון קלאַסן
פאר הערשאפט אפ ערד—
דויערן דריבנע געשלעגן:
פאַר דריבנינקער גלוסטונג,
וואס שפילט אינעם בלוט.

א קײַלעכיק מיידל,
א יונגע,
פון יענע,
וואס סילן די מעשלעך אין צעכן,
וואס סילן זיך פריילעך
א טאָג נאָך א טאָג
א זאַוואָדישן לעבן,—
שטייט נאך א ווײַל באַם פאַרענדיקטן מיטעק,
כעוורעלײַט וואַרפן איר שפילעוודיק
ברעקעלעך ברויט פונדערווײַטנס.

אָבער סע וואַרפן אַמפלינקסטן
א בלאָנדער און שוואַרצער,



אט איינס אַפן צווייטן
זיי שיסן מיט בליקן.

פלוצים א רעגע:
אַן אופשפרונג,
א פלאָנטער פון הענט
און א פליאַסק איבער באַקן:
רויט איז דער בלאָנדער
און בלאַס איז דער שוואַרצער.—

פאַר דריבנינקער גלוסטונג,
וואס שפילט אינעם בלוט—
דויערן אלץ נאך געשלעגן.

א יינגל מיט דאָרפישע געוווינשאַפטן מיינט,
אז שלעכט איז צוגעטראַכט די דריטע מישמוירע:
„באטאָג שנייד איך אָן
א שרויפן צען,
באנאכט — נאָר זעקס,
און ווער פאַרמאַטערט.
די ערשטע נאַכט — נישקאָשע,
די צווייטע — שוין שווער,
די דריטע — מיט וואַסער זיך שפריצן,
די פערטע — העלפט שוין ניט לייגן
קיין טיכלעך קיין נאַסע צום קאָפּ: —
די נאכט פאָדערט אירס!"

בידיילאָ דרייט אויס דעם קאָפּ צו דעם יינגל:
— אלע געוווינשאפטן ווארפט מען אראָפּ.
מיר פירן די בויונג.
ווי טאָג־ליכט וועט זיין — די עלעקטרישע שיין,
וועסט שוין ניט וויסן פון מידקייטן גרויע. —
אין הענט זיך גענומען — פעסטער געבויעט!





ארויס פון גערויש פון די פרעזן,
און שלאָסער־וואַרשטאטן,
וואס פולן די לופט אָן מיט פריַען
און פרעגלען
אין פעטן מעטאַל־שטויב.

אריין אין דער שטילקייט פון צעך פונעם זאמלען;
ניטאָ דאָ קיין נאכט־שיכט,
קיין מענטש ניט.
א שורשען א שוואַכס
גיט דעם טאָן פון דער שטילקייט.

אין שטילן גערוימ כון דעם זאַל,
וואס זעט אויס, ווי ערשט נאָך א האבן, —
צווישן צעוואָרפענע טיילן —
איידעס פון קייכעס און וויַיען, —
ריזיקע צווילינגן שטייען:
ניַי־געבוירענע טראַקטערס.

באקוקט שוין, געפּרוּווט שוין, געעפנט, פארהויבן —
זיי טויגן.

פון פּרוּווּנג דער שווערער —
א שוויס האט די ריזן באשלאָגן:
טריפט פון זיי טראָפּנס אין שטילקייט,
סע פאלן די טראָפּנס:
„הײַנט ערשט פארענדיקט —
מאָרגן אין וועג שוין,
מאָרגן אפ אנדערשן
גרויסע מערכאַקים".



## 54

שוין עטלעכע מאָל אין די לעצטע דעקאַדעס,
אז מיטעק-צײַט גייט
א באזונדערס פארטיפטע פאַרזאמלונג
צווישן די פרעזערס.
סע טרעטן ארויסעט די ארבעטער יונגע
הייס און פארזאָרגט,
די מערער באיאָרטע —
פאָרזיכטיק קלויבן די ווערטער.

סע ווערט דאָ געזאָרגט פאַרן גורל
פון איינעם אַן ארבעטער-יינגל, —
א זעלטענער מויעכ
און הענט פון א מײַסטער;
נאר שוין א צײַט,
אז האט אָנגעהויבן טרינקען.

אָט שטייט ער א מאַטער
און הערט א פאַרטיפטער:

די ביטערע רייד פונ געטרײַשאַפט,
דאס ניכטערע פליאַסקענ פונ כאוועּרשע זאָרגנ.
ער ענטפערט אפ פראַגעס אונ ווארט —
דעמ אָטעמ פארכאפט, — אפנ אורטייל,
וואס דאַרפ אימ פונ שלעפ - גראָז דעמ דולנ,
פונ אָפגרונט, פונ שיקרעס,
אפ ליכטיקער אויבערפלאַכ ברענגענ:

„לאָמיר צעטיילנ אפ זיכ
די ארבעט פונ נאכט - שיכט,
אונ זאָל ער זיכ רוענ
א גאנצע דעקאַדע.
צו אונדז זאָל ער קומענ,
וווינענ מיט אונדז אינ דער יוגנט - קאָמונע.
אונ דאס זאל די לעצטע וואָרנונג זײַנ.“
אזוי איז געווענ דער באשלוס.



55

סע שליסט זיכ אָפ דער שטראָמ
אינ עלעקטרישע קאַנאַטנ;
טראַנסמיכיעס פאַרענדיקנ אינערט
דעמ לעצטנ שטויס.
אינ צעכ ווערט שטיל.
פאַרזאַמלונגענ.

צווישנ הונדערטער מאַשינעס
קלינגט אופ פונ פארשיידענע ערטער א קאָל.
אינ קאָרפוסנ - ריזנ,
ווו ס׳ריידנ נאָר שטענדיק מעטאַלנ,
הויבט זיכ ניט אופ אזוי הויכ
א מענטשלעכע שטימ, —
נאָר סע גענוגט פאַרנ אוילעמ איר פלי איבער צעכנ,
אונ זיכער איר אײַנדרינג
אינ בלוט אונ אינ סייכל:
„מיר בויענ, וואס מיר ווילנ,
אונדזער ווילנ איז קלאָר, —

נאָר וואס טויג א פלאַן,
אז מיר ווייסן ניט קלאָר
ווען מע האט? —
אסאך פליען אום
פון זאַוואָד צו זאַוואָד. —
פארפעקטיקן לאָמיר זיך
ביזן סאָפ פינפיאָר!"



## 56

וו'הין שווימסטו, ליידיקגייערקע לעוואָנע,
אזוי אומבאַזאָרגט, אזוי ניט געהייעט?
א לוסט־שפאַציר מיט שטערן א סטאַיע
אין הויכער נאַכט, אין ווייסער ראָד.

און מיר פון אלע זייטן שפאַרן אפ טראַמווייען,
מענגעסווייז, מאַסנווייז
פאָרן מיר שטורעמען
נעכט אין זאַוואָד!

57

„— נו,
שרייב דיר שוינ אויס אינסטרומענטנ,—
זאגט באמ אוועקגיינ דער אַלטער,—
ביסט שוינ אַנ אונדזעריקער,
נעמ שוינ אפ אייגענע מאַרקעס געצייגנ.
אָבער ניט מיינ,
אז דו ווייסט
אונ דו קענסט שוינ
אונ שפּיצסט שוינ אריבער: —
די קונסט האָט קיינ ברעג ניט!
נעמ דיר א ביישפּיל פונ מיר,
וואס דאס פערציקסטע יאָר שוינ
באַ שניצערס.
קומ אלע טאָג אפ אַביסעלע פריִער
אונ גיי אלע טאָג אפ אַביסעלע שפּעטער
אונ כאַפּ זיך אריינ
אונ באַקוק
אונ באקענ זיך,—



מיט אנדערע צעכנ,
וואס ל נקס אונדז
אונ רעכטס אונדז —
די קונסט האט קיינ ברעג ניט.“

## 58

אין קעמערל שטייט היינט די פראגע פון קאַדרען.
ערנסט און שווער זיצן עלטערע ארבעטער —
עלטער מיט קאַמפ און געראנגל.

אפ אייגענע פלייצעס געטראָגן
דעם יאָך פון רעאַקציעס:
פון איין רעוואָליוציע צעטרעטן,
די צווייטע ענדגילטיק געוואונען.—
זיצן די עמעסע ווירטן פון לאנד,
די בויער - באַפעלער פון וועלט - קאָמונע.

ס'איז גאָרניט, וואס פענימער
זען אויס ווי פארפרוירן,—
דאס האבן די שטאָלענע שנאָבלען פון שלאַכטן
און נויטן
און ארבעט צעפיקט זיי.
אָבער די הערצער,



די ווילנס בא זיי
זיינען יונגע פארבליבן!

א יונגע און גליקלעכע מענטשהייט
באשאפן,—
איז זייער באַגער!

59

צווישן די מאסן אפ בויונג פארמאָסטענער,
מײַסטערס געפינען זיך איינציקע, קאָסטבארע;

מײַסטערס דערפאַרענע איינציקע — האסטו זיי;
מײַסטערס פון מי און געראַנגל געקנאָטענע;

גאָלדנער רעזערוו צווישן מאַסן צעשאָטענע;
באָיקאָ אקימיטש איז איינער פון זיי.



60

מע גרייט אין זאוואָדישע שולן,
אין צעכן,
די מעכטיקע קאַדרען:
ס'פירט זיי אַקימיטש ארײַן
אין דער קונסט פון געצײַגן.

אופמערקזאַם - שטרענג איז די לערע
און קאָוועט מיט ערנסט די שילער,
דאָרפישע יינגלעך באַטאַפּן מאַשינעס
מיט הענט, ווי מיט לאַפּעס. —

געשיקט אין זאַוואָד - שול,
אין שטאָט פון די גרויסע זאַוואָדן, —
פרעסטלט די לײַבער
פאַ - שלאָפענע
הינטער די סוויטקעס די האַרטע;

אויערן - מושלען פארשטויבטע
לויערן אומרויִק - שפּיציק:

„שרײַט עס א יאַם דאָ און שטורעמט
און רײַסט זיינע וואַסערס?“

קיין יאַם איז ניטאָ דאָ —
דאס לאָזן זאַוואָדן
דעם פּאַר פון די קעסלען!

קוקן פארגאַפטע די דאָרפישע יאַטן
און פלײַסיק די שטאָט זיי דערלערנען.

און יינגלעך פון שטעטלעך
מיט היימיש געבעק אין די קעסטלעך,
מיט אָפּגלאַנץ פון טכינעס און שטראָפּרייד
אפ אָפענע שלייפן;

שפּרינגענדער בליק איז צעמישט,
און די הענט אפ די שמאָלע געלענקן —
רירן מיט כשאד
און מיט נײַגער
די כאַיעס — די פרעמדע געצײַגן.

אָבער די ארבעטער־קינדער פון שטעט,
פון געמאָסטענער פראַצע, —
האַלטן זיך פרײַ אין די צעכן,
גוטברודעריש — איינס מיט מאַשינעס;



גרייטן זיך שטאָלץ
צו פארנעמען
די ארבעט־יערושע פון טאַטעס,
און יאָגן אין קונסט זיי אריבער.

גרייט מען אין שולן,
אין צעכן
די מעכטיקע קאַדרען —
ס'פירט זיי אַקימיטש ארײַן
אין דער קונסט פון געצײַגן.

פֿירט דער קאָמיוג זיי אריַין
אין דער קלאָרקייט פֿון דענקן.
יוגנט פֿון דערפֿער, פֿון שטעטלעך, פֿון שטעט
ווערן איינס דאָ.
אין לענינשער כאָכמע און דריַיסטקייט
זיי ווערן דערצויגן.
שטאָל באָלשעוויסטישער
דרינגט אינעם בלוט און כאַראַקטערס.—
קלאַפּט אין מיליאָנען דער אָדער
פֿון יונגער פֿאַרמעסטונג.

מיליאָנען יונגע ווילנס
יאָגן די וועלט אין דער ריכטונג פֿון גליק.





באָיקאָ דער יונגער האט דעמאָלט געמיַיסטערט
פֿון קיַילכיק פֿראָקאַטנע מעטאַל —
פֿראָפֿילן שטאַרק קאָמפּליצירטע,—
ווען מ'איז געקומען אים זאגן,
ער זאָל היַינט אריַינגיין אין קעמערל.

האט סעקרעטאר אים באוויזן מיט ציפֿער
און צאָלן
דעם צוווּקס פֿון קאַדרען —
מאַסן נאך רויע פֿון דערפֿער און שטעטלעך —
און באָיקאָ דער יונגער
זאָל ווערן קולטפּראָפּ אין די צעכן.

האט באָיקאָ צוריק אים באוויזן,
אז ניט פֿאר די קויכעס פֿאר זיינע
צו הויבן אזעלכס,
און כוץ, וואס אליין נאָך קולטורלאָז —
איז אויך אין די יאָרן צו יונג נאך.

און נאָכ א געפיל האט געקלעמט אימ:
פארלאָזנ דעמ קרייַז פונ דערפינדער,
ווו ער און נאָכ אַנדערע ארבעטער
שטעקנ פאַרטיפט אינ אַנ איניענ,
וואס דאַרפ אונדז נאָכ מעכטיקער טראָגנ
צומ ציל:
דער יונג־קאָמוניסטישער גייַסט
די וועלט זאָל באזיגנ.

נאָר באָיקאָ האט גארניט געזאגט וועגנ דעמ.

„ס'פירט די פארטיי אונדז
צו נייַע,
אלצ נייַע ניצכוינעס,
און ס'פעלנ פיל נויטיקע מענטשנ
פארפעסטיקנ אלצ און אַנטוויקלענ.

„אלע דאָכ זיינענ מיט ארבעט פארלאָדנ:—
אינ טאָג,
אינ געראַנגל אַנטפלעקנ זיכ קרעפטנ!"

איז באָיקאָ געווארנ קולטפראָפּ אינ די צעכנ.

באטאָג,
צי באנאַכט,—



א שאָ א פרייַע געפינט ער,
קומט באָיקאָ צומ קעסטל געצייַגנ,
פונ קעשענע־טיפ —
דעמ שליסל ארויס אַפ דער שייַנ,
שליסט אופ דאס געצייַג
און לייַדנשאַפט טיפע אינ ארבעט צעצינדט זיכ.
ער טיפט זיכ ארייַנ:
צומ ציל,
צומ דערפינדונג!

63

פירט אונדז אַקימיטש
צום טראַקטערנעם נייַעם גיגאַנט.
ארבעטנ טויזנטער, צענ־צענער טויזנטער:
דאָרפישע, שטעטלשע,
שוואַרצ איז דער דרויסנ דאָ.
מענגעס פונ שטעט
און פונ ערטער פאַרוואָרפענע:
פלייַסיקע, בראַווע.—
אויך טרעפנ זיך אויסוואָרפנ,
נעפּלעכ און נעבעכלעכ,
רעשט פונ געוועזענעם,—
דרינגענ אריינַ און ווילנ גענעזנ זייַנ.

ווער ס'איז פאַרווערימט,
אפ שאָדנ געריכטעט—
געפּאַקט ווערט,
פאַרניכטעט,
און ווער ס'איז א פרייַנט



און אפ נוצ וויל זיך פירן,—
קאָכט זיך דאָ איבער
אינ ארבעט אינ קאָכיקער —
און בראָכ דעקלאַסירטער
ארייַנ אינ די קנאָכיקע מענגעס,
פאַרגלויבט ווערט אינ בויונג סאָוועטישער.
פוסטקייט צעגראָבנ זיי,
גרונטנ צעטענטעווענ: —
נעכטיקע פוסטעניש
הייַנט שוינ דערקענט מענ ניט!

# אינהאלט


איך האָב מיך פאַרשריבנ 5
אייג קראַפט שטויסט ארויס די צווייטע 7
כ׳בינ זייער איידל מיט דער מאַשינ 8
אָנגעקוועלט האָב איך 9
אַלע וואָגיקע טיילנ 11
דריי באַנאַכט 12
די יינגלעכ אונ מיידלעכ 14
איילנדיק וואַרפ איך 15
פאַרנ מייסטער 16
די פאַרע פונ שטאָלענע סטרוזשקעס 18
די יונגע פרוי 19
פע גיט מיר דער מייסטער 20
צו אלע וואַרשטאטנ 21
פראָסט אינ די דרייסיקער 22
אָפ די וואַרשטאטנ 24
דערציילט אונדז 26
טרעפ־אַראָפ גייט מענ 27
האט וואַניע זיכ ביטער געאמפערט 28
ביז צו די צעכנ 30
נעמט דאס פאַרטקעמערל 31
צווישנ דעמ בינטל 33
פע גייט צו די לענינ־טעג 35
מיר איז איבערגעגעבנ 38
אָפ אלע לאַנגע טישנ 39
אינ דרויסנ איז טיפע נאַכט 41
א גרויסער קאָוועד 42
צומ סאָפ פונ דער נאַכט־מישמוירע 43
פאַרשמאַיעט 45
לויב אונ רומ 46
ס׳האט אלעמענ צעקאָכט 48
מיר, וואס די קויכעס ניט קאַרגנ 49
כ׳האב אימ באָמ קנופ 50
דער יונגער שאָכנ מיינער 51
פלוצימ, די שיינ ווערט געשלאָגנ 53
אינ ווינקל פונ צעכ 55
רויטע קאָמאַנדירנ 57
א דערלאַנגערקע 59
יענע נאַכט האב איכ געטאָקט 60
ווי מע דערזעט 62
אנדערש זעט מענ ניט 63
איז היינט דער אַלטער 64
איז בינע אונ פאַשע 66
ראַזינ — א שלאָגלער 68
צוויי שלאָגלער־בריגאַדעס 70
בינע 72
די אייזערנע פיס 74
ווו איז דאס קענדל 75
אַראָפגעגעבנ אכט פונ אויסלאַנד 77
איידער כ׳האב ארומגערייניקט 79
אלציינס ווי אויכ דער גראד 81
באָמ זייט פונ גיגאַנטנ־געראַנגל 82
א יינגל מיט דאָרפישע געוווינשאפטנ 84
ארויס פונ גערויש פונ די פרעזנ 85
שוינ עטלעכע מאָל 87
סע שליסט זיכ אָפ דער שטראָמ 89
ווזהינ שווימסטו 91

ני, שרייב דיר שוין אויס . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 92
אין קעמערל שטייט היינט די פראַגע . . . . . . . . . . . . . . 94
צווישן די מאַסן. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 96
מע גייט אין זאַוואָדישע שולן. . . . . . . . . . . . . . . . 97
פירט דעם קאָמיוג . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 100
באָיקאָ דער יונגער. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 101
פירט אונדז אַקימיטש. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 104

פּרייַז 1 רובל 25 קאָפּ

Ціна 1 крб. 25 коп

25¢

Л. КВІТКО

В ТРАКТОРНОМУ ЦЕХУ

Printed in Soviet Union